אָז נִדְבְּרוּ יִרְאֵי ה׳ אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ וַיַּקְשֵׁב ה׳ וַיִּשְׁמָע



# א דערהער
## אויף יום טוב

### פורים

גליון ד׳




געשריבן און ארויסגעגעבן דורך:

**הרב אליהו יואל גליק**


באזירט אויף די שיעורים
און מאמרים פון
הגה״צ אבד״ק
**ברכת מנחם**
שליט״א

כל הזכיות שמורות

להערות והארות
וכן לקבל הגליון ע"י אימעיל
Ahderher@gmail.com
או אל:
414.533.7437

Design & Layout
sales@imagendesign.net

הגליון י"ל מדי שבועיים בס"ד

# יז"ט
# פורים

## "מרבין בשמחה": חיצוניות ברענגט נישט קיין שמחה, נאר פנימיות

### דער מהות, נישט די קליידער, דארפן שרייען שיינקייט

**ועשית בגדי קודש לאהרן אחיך לכבוד ולתפארת**, דער אייבערשטער באפעלט משה רבינו אז ער זאל מאכן הייליגע קליידער פאר זיין ברודער אהרן פאר א כבוד און פאר א שיינקייט.

פרעגט דער הייליגער **חתם סופר** זי"ע, פארוואס שטייט נישט "לכבודו ולתפארתו", אז די קליידער זאל מען מאכן פאר'ן כבוד "פון" אהרן, אזוי ווי מען טרעפט דעם לשון אין דער מגילה ביי די קליידער פון אחשוורוש, "**תפארת גדולתו**", פאר זיין שיינקייט און זיין גדלות. פארוואס דא ביי אהרן הכהן שטייט

סתם "לכבוד ולתפארת", און נישט פאר זיין כבוד און פאר זיין שיינקייט?

זאגט דער חתם סופר א לעכטיגן פשט. אהרן הכהן האט נישט געדארפט די קליידער פאר זיין פערזענליכע שיינקייט. אהרן הכהן, דער הייליגער צדיק דער אוהב שלום, איז אליין געווען די שיינקייט. די שיינע קליידער האט מען געדארפט ווייל עס פאסט אז כבוד און תפארת זאל זיין שיין באדעקט, אבער די כבוד און תפארת זענען נישט געווען די קליידער אליינס.

אחשורוש, דאקעגן, האט געדארפט די עצם קליידער פאר זיין כבוד און שיינקייט אנצושטעלן א שיינע פנים פון דרויסן, ווייל אינעווייניג איז גארנישט געווען. ער איז געווען ליידיג פון תוכן, ער האט אפילו נישט געשטאמט פון א קעניגליכער משפחה. דערפאר פאסט אין די מגילה דער לשון פון "תפארת גדולתו", די קליידער זענען געווען פאר זיין שיינקייט און זיין גרויסקייט, די קליידער זענען געווען פאר אים פערזענליך, אים צו מאכן אויסזען בכבוד'יג און מיט א שיינקייט. די שיינקייט האט זיך אנגעהויבן און געענדיגט מיט די קליידער, און ער האט דאס קריטיש געדארפט האבן ווייל עפעס אנדערש איז דארט נישט געווען.

די הייליגע ווערטער פונעם רבן של ישראל דער חתם סופר שאקלען אויף דאס הארץ מיט א לעכטיגער הדרכה אויף אזוי פיל וועגן. דער חת"ס זאגט אונז: **זע אז דיין מהות, דיין אייגענע התנהגות זאל זיין א כבוד און א שיינקייט פאר'ן אייבערשטן, פאר דיר און פאר אלע ארום דיר,** ווייל אמת'ע שיינקייט זענען די מדות טובות און עבודת השם פון א איד, און אן אמת'ער כבוד פאר'ן אייבערשטן, פאר זיך און פאר אלע ארום איז ווען א איד פירט זיך מיט ערליכקייט און מיט קדושה און טהרה.

## א שיינע אויטא קען נישט ערזעצן אמת'ע שיינקייט

מען זעט אז אסאך צדיקים האבן

געלעבט אין א דחקות און מיט א פשטות און געלערנט מיט צעבראכענע בענקלעך און מיט אן אפגעניצטן שטענדער און געשאקלט א וועלט.

אט דאס איז אן ערליכער איד!

זיין גאנצע מציאות איז לכבוד ולתפארת. ווען מען לעבט מיט'ן אייבערשטן און מיט זיין תורה דארף מען גארנישט. **מען דארף נישט קיין חיצוניות'דיגע שיינקייט און נישט קיין חיצוניות'דיגע כבוד.** דער ערליכער איד אליינס איז די שיינקייט און כבוד. דער ערליכער איד שפירט זיך ריין און דערהויבן מיט זיין פנימיות און ער דארף נישט קיין שיינע הייזער און אויטאס זיך צו שפירן בכבודיג און שיין.

## חיצוניות ברענגט נישט קיין כבוד

מיר לעבן אין א וועלט ווי מען וויל כסדר יענעם געפעלן. מען זוכט כבוד און שיינקייט אין יענעמ'ס אויגן. מען דארף א שיינע קאר און הויז און קליידער ווייל מען דארף יענער זאל געבן כבוד און שיינקייט. מען מאכט אויפרייסערישע שמחות אז יענער זאל ארויפקוקן. אבער דאס איז אלעס א בחינה פון "**לכבודו ולפארתו**".

אבער אן ערליכער און קלוגער איד ווייסט אז חוץ וואס דאס סארט לעבן איז נישט געזונט פאר'ן טאש און פאר'ן נפש, איז דאס אויך נישט גוט ברוחניות. **די שיינקייט פון א איד איז זיין מציאות, זיין לעכטיגע מהות, נישט א ליידיגע חיצוניות וואס ברענגט באמת נישט קיין שום כבוד.**

דער אמת איז אז מענטשן לאכן אפ פון איינעם וואס רייסט די אויגן. מענטשן זענען מקנא. מענטשן קוקן מיט א קרום אויג. דער סארט לעבן פון לכבודו ולתפארתו איז נישט גוט כלפי דעם הימל, כלפי זיך און כלפי יענעם.

# אונזערע קליידער זענען א מלבוש פאר א מכובד׳יגע זאך

אונזערע חסידישע בגדים אדער אונזערע צניעות׳דיגע קליידער זענען גאר וויכטיג, חשוב און הייליג. מיר מוזן דאס טראגן ווייל דאס שיידט אונז אפ פון די אומות העולם. אבער, די קליידער טראגן מיר "**לכבוד ולתפארת**". מיר טראגן עס נישט ווייל מיר זעען אויס גוט אין דעם, אדער ווייל עס איז שיין און עס שפירט גוט, מיר טראגן דאס ווייל **מיר זעלבסט זענען א "כבוד און א תפארת" מיט׳ן זיין די קינדער פונעם בורא כל עולמים און מיט אונזער גוטע התנהגות**, און נאר דערפאר טראגן מיר שיינע קליידער, ווייל עס קומט אז א כבוד און א תפארת זאל טראגן שיינע קליידער, נישט פאר די קליידער זעלבסט.

# לאמיר לייגן א מאסקע אויף די חיצוניות

אפשר וועגן דעם טוט מען אן א מאסקע אום פורים, צו ווייזן אז מיין פנים איז נישט דער עיקר. **ווי אזוי איך זע אויס פון אינדרויסן איז נישט נוגע.** מיין פנים איז נישט ווי די קליידער פון אחשורש וואס זענען פאר שיינקייט און פאר כבוד. **מיין פנים איז טאקע א צלם אלקים**, אבער עס איז ווי די קליידער פון אהרן הכהן וואס איך האב ווייל עס קומט מיין לעכטיגע מהות זאל טראגן א שיין פנים. **מיין אמת׳ע שיינקייט ליגט אין מיין פנימיות.**

אט דאס שרייען מיר אויס אין די גאסן אין די הייליגע טעג פון פורים. **איך בין פארשטעלט! מ׳קען נישט זען מיין חיצוניות. הייב אן קוקן אויף מיין פנימיות!** הייב אן קוקן אויף דיין פנימיות, ווייל דארט ליגט דער אמת׳ער כבוד און שיינקייט באהאלטן.

די גוי׳שע גאס איז אבער אזוי אנדערש. דער גאנצער בליק איז אויף

חיצוניות. דאס גאנצע קאפ ליגט אין ווי אזוי מען זעט אויס, ווי אזוי דאס זעט אויס און ווי אזוי יענץ זעט אויס. דער תוכן פון דעם מענטש איז נישט מעלה און נישט מוריד. דאס גאנצע לעבן איז א ליידיגע שאלעכץ. דאס קאפ לויפט, ארבעט און טראכט ווי אזוי די דרויסנדיגע לבושים און חפצים קענען זיין שענער, גרעסער און בעסער פאר דעם אייגענעם כבוד און פאר דער אייגענער שיינקייט.

## עשו איז געליגן אין זיינע מלבושים

דער פסוק זאגט אין פרשת תולדות, **ותקח רבקה את בגדי עשו בנה הגדול החמודות אשר אתה בבית, ותלבש את יעקב בנה הקטן**. רבקה האט גענומען די קליידער פון איר גרויסן זון עשו וואס איז געלעגן אין שטוב און עס אנגעטון פאר איר קלענערן זון יעקב, אז ער זאל קענען באקומען די ברכות פון יעקב.

מ׳קען אפשר טרעפן א רמז צו אונזער שמועס בואהאלטן אין אט דעם הייליגן פסוק. עשו איז געליגן אין זיינע מלבושים, וואס זענען געוועזן בגדי כהונה גע׳ירש׳נט פון אדם הראשון, ווי דער מדרש זאגט. עשו האט אבער געטראגן אט די הייליגע ״בגדי חמודות״ פאר זיין אייגענעם כבוד. די הייליגע קליידער וואס מען דארף טראגן ווי אהרן הכהן נישט פאר זיך, האט ער געטראגן פאר זיך ברענגענדיג א געוואלדיגן זלזול אין די בגדים.

רבקה האט דאס נישט אויסגעהאלטן און האט געגעבן די הייליגע קליידער פאר יעקב׳ן וואס האט עס געטראגן ריכטיג, פאר די שיינקייט און די כבוד פון זיין פנימיות, נישט פאר זיין אייגענעם כבוד און שיינקייט.

## אויסערליכע שיינקייט ווען אינעווייניג איז ליידיג

ווען מיר לעבן אזוי ווי יעקב אבינו האט געטון, זענען מיר זוכה צו די

ברכות וואס יצחק אבינו האט געגעבן פאר יעקב אבינו, ווייל נאר ווען מען לעבט מיט די אייגענע פנימיות און מען בויט עס אויף הערליך און הייליג קען מען באקומען די פילע ברכות אינעם פערזענליכן לעבן.

הקול קול יעקב והידים ידי עשו, דיין קול איז דער קול פון יעקב און דיינע הענט שפירן זיך ווי די הענט פון עשו, האט יצחק, וואס איז געווען בלינד, געזאגט פאר יעקב. דער קול וואס קומט פון אינעווייניג, די פנימיות פונעם מענטש, דאס איז יעקב. דאס איז דער איד. ער איז געבויט אויף די שיינקייט פון אינעווייניג. והידים ידי עשו, די קליידער, די חיצוניות, דאס איז עשו, געבויט אויף דעם דרויסן, אויף די חיצונות וואס ער מוז האבן פאר אויסערליכע שיינקייט און כבוד ווייל אינעווייניג איז גארנישט דא.

## המן איז נאכגעלאפן כבוד, ווייל דער כבוד איז אוועקגעלאפן

די זעלבע איז געווען מיט המן. ער האט געדארפט מען זאל אויסרופן אין אלע גאסן ווי חשוב ער איז. ער איז אלעמאל געווען הונגעריג פאר דרויסנדיגע כבוד כדי צו שפירן ווי א זאך, ווייל ער איז נישט געווען א זאך. ער האט געדארפט יעדער זאל זיך בוקן צו אים און אים ווייזן רעספעקט, ווייל די רעספעקט צו אים איז נישט געקומען פון זיך אליינס, עס איז נישט געווען א סיבה "אים" צו רעספעקטירן.

ווען אחשורוש האט אים געפרעגט ווי אזוי מען זאל באצאלן איינער וואס עס קומט אים א הכרת הטוב פונעם קעניג, האט ער געהאט א לאנגע ליסטע פון חיצוניות וואס עס קומט יענעם. עס קומט אים א קעניגליכע פערד, שיינע קליידער, מען דארף אים ארומפירן און אויסרופן ככה יעשה לאיש, גיסן חיצוניות, ווייל את

אזוי האט המן זיך געזען. ער האט געדארפט זיין א בורח אחר הכבוד, ווייל דער כבוד האט קיינמאל נישט געהאט קיין סיבה צו לויפן נאך אים. וועגן דעם האט ער עס געדארפט בעטן, זוכן און פאדערן.

ביי אסתר המלכה שטייט אבער "לא בקשה דבר", זי האט גארנישט געבעטן פונעם קעניג. איר השקפה אין לעבן איז געווען אז מען לעבט מיט די פנימיות. זי דארף נישט קיין חיצוניות. איר שיינקייט און כבוד איז מיט'ן זיין א גוטע עצם זיך, ווייל מען דארף נישט דעם דרויסן צו באפרידיגן דעם אינעווייניג, ווען אינעווייניג איז אזוי לעכטיג, זיס און שיין.

## וועלכן סארט מענטש האבן מענטשן ליב?

דער הייליגער צדיק רבי שלמ'קע זוועהילער פלעגט זאגן, אז ווען א מענטש דארף גארנישט, ער זוכט נישט קיין חיצוניות, דאן איז ער נושא חן אין די אויגן פונעם אייבערשטן און פון מענטשן.

און דאס איז אזוי ממש אין מציאות. איינער וואס רייסט נישט יענעם די אויגן מיט חיצונית האבן מענטשן מער ליב. א גוטער מענטש וואס איז א געבער, נישט א נעמער פון דער וועלט, איז באליבט ביי יעדן. זיין גוטסקייט ברענגט אים חן אין הימל און אויך דא אויף דער ערד. עס איז א לעכטיגע זיסע לעבן אן קיין קנאה, שנאה, מותרות. עס איז א לעבן פון שלום און אהבה וואס שפירט זיך ווען מען שטייט נאר נעבן אזא סארט מענטש.

הרה"ק רבי אהרן קארלינער זי"ע האט אמאל געפרעגט פון הרה"ק פון אלעסק זי"ע, "פארוואס לעבסטו אין אזא שרעקליכער ארעמקייט; פארוואס פארסטו נישט ארום צו שטעט און שטעטלעך צו צוזאמקלויבן אביסל געלט צו שפייזן דיך און דיין פאמיליע?"

האט דער הייליגער צדיק פון אלעסק געזאגט אט דאס וואס מען זעט ביי אסתר. ביי אסתר שטייט "לא ביקשה דבר", זי האט גארנישט געבעטן, זי האט גארנישט

געדארפט, און גלייך דערנאך שטייט "ותהי אסתר נושאת חן", אסתר האט געטראפן חן, ווייל ווען א מענטש דארף גארנישט, ער זוכט נישט צו האבן און נעמען חיצוניות, טרעפט ער חן. אויך איך, האט דער הייליגער צדיק פון אלעסק אויסגעפירט, זוך חן, עס איז נישט דא בעסערס פון טרעפן חן אין די אויגן פונעם אייבערשטן און פון מענטשן.

# טרעפן און אויפבויען דעם אייגענעם זיך

מיר גייען יעצט אריין אין די לעכטיגע פרייליכע טעג פון שמחה. ווען מען לעבט אויף אינעווייניג לעבט מען מיט שמחה. דער מענטש שפירט ווי ער לעבט. ער שפירט גוט מיט זיין אייגענעם זיך. ער שפירט גוט מיט זיין חלק אלוק און מיט זיין אייגענעם מציאות. ער האט זיך אליין ליב. ער שפרינגט אונטער יעדן טאג אז דער אייבערשטער האט "אים" באשאפן און אז ער קען אים דינען מיט זיין פנימיות און מיט זיין אמת'דיגן מציאות וואס איז שטענדיג דא.

ווען מען לעבט אויף אינדרויסן איז מען כסדר אנטוישט. חיצוניות איז נישט דא אלעמאל. אמאל באקומט מען כבוד, אמאל נישט. אמאל גייען גוט די געשעפטן און אמאל נישט. און אז מען איז געבויט אויף דעם דרויסן האט מען נישט קיין כסדר'דיגן המשך פון סיפוק, ווייל אמאל איז דא און אמאל נישט. אבער דער עצם זיך, די לעכטיגע פנימיות איז אלעמאל דא און עס גיט דעם מענטש א לעכטיגע שפע וואס קומט פון הויך אויבן, וואס דאס האקט זיך קיינמאל נישט אפ. עס איז די מקור השמחה וואס איז שטארק פארבינדן אלעמאל און שטענדיג ביז'ן כסא הכבוד.

דאס דארף מען אבער כסדר פלעגן און בויען. עס קומט נישט צופיס. ווי מער א מענטש איז פארנומען מיט זיין פנימיות, אלץ מער ווערט עס שטארקער ביי אים אין הארצן און אין דער מחשבה. עס איז פונקט ווי דער וואס גייט, להבדיל, זיך בויען די מוסקלען. יעדן טאג ווערט ער שטערקער און שטערקער. דאס זעלבע איז מיט די פנימיות. מען

דארף דאס אויפבויען און מאכן יעדן טאג "נשמה פוש-אפס". ווי מער מען ארבעט צו בויען די מחשבה אלץ שטערקער און קלארער עס ווערט דער נפש.

אלזא, טייערע לעכטיגע אידן. די ימי הפורים והשמחה זענען דא! **לאמיר קוקן אויף אריין אונטער דער מאסקע און טרעפן דעם אייגענעם לעכטיגן זיך. לאמיר אנהייבן לעבן אויף אריין, נישט אויף ארויס.** לאמיר אנטפלעקן די קאכעדיגע הייליגע נשמה פון שמחה וואס ברענט און פלאטערט אין יעדע אידיש הארץ. לאמיר איר אנכאפן מיטביידע הענט און אנהייבן עס אויפצובויען, ווייל דאס לעבן איז אזוי לעכטיג און גוט ווען מיר לעבן מיט אונזער פנימיות אזוי ווי אסתר המלכה און דער הייליגער צדיק פון אלעסק. מיר קענען דארט אנקומען, עס ליגט דא ממש ביי אונז אינעווייניג באהאלטן.